NUMBER 5 MILGROIM 1923

MILGROIM

A YIDDISH MAGAZINE OF ART AND LETTERS

Editors Dr. M. Vishnitzer and M. Kleinman

Art Editor Rachel Vishnitzer

CONTENTS.

DAVID AND SAMSON SLAYING THE LION . . . . BY RACHEL VISHNITZER
WITH ILLUSTRATIONS

MOSLEM BINDINGS . . . .
WITH A COLOURED PLATE

EARLY JEWISH ORNAMENTED AND GILDED GLASSES . . . . BY E. TOEPLITZ
WITH ILLUSTRATIONS

CHINESE PAINTING . . . . BY WILLIAM COHN
WITH ILLUSTRATIONS

FROM PHANTASUS, A SELECTION OF POEMS . . . . BY ARNO HOLZ

ANCIENT SYNAGOGUES IN PALESTINE . . . . BY E. L. SUKENIK
WITH ILLUSTRATIONS

A POEM . . . . BY H. LEVIK

BAAL MACHSCHOWES . . . . BY M. KLEINMANN
WITH A PORTRAIT

FROM THE CYCLE: TOHU VA-BOHU . . . . BY G. TOM

YIDDISH LYRICS IN THE UKRAINE . . . . BY S. RUBINSTEIN

THE CRISIS OF THE THEATRE . . . . BY E. MOTYLEV

ART AND LETTERS . . . . BY R. V., B. M. AND K.

THIS NUMBER CONTAINS A PORTRAIT OF THE WELL KNOWN CRITIC BAAL MACHSCHOWES BY MARC CHAGALL ON THE OCCASION OF THE 25 th ANNIVERSARY OF HIS LITERARY ACTIVITIES.

THE COVER HAS BEEN DESIGNED BY E. BOEHM.

מיינע אידעאלן. לאָמיר דעריבער ניט זיין פּעסימיסטן, לאָמיר גלויבן, אז אזא צייט וועט נאָך פאר אונז קומען, א צייט, ווען ס׳וועט פארשווינדן די אלגעמיינע אנאַרכיע און פאר דער מענשהייט וועלן זיך עפענען קלאָרע ליכטיגע וועגן. מיר וועלן וויסן וואוהין צו געהן, צו וואָס צו שטרעבן און פאר וואָס צו קעמפן. דעמאָלט וועט געבוירן ווערן א נייער היינטצייטיגער רעפּערטואַר, נייע ריהרענדע, פארכאפּענדיגע פּיעסן. און וויפיל ס׳זאָלן זיך ניט בריקעווען די אקטיאָרן, און באזונדערס די רעזשיסערן, וועלכע ווילן ניט אָפּהענגיג זיין פונ׳ם רעפּערטואר, — זיי וועלן מוזן זיך אונטערגעבן, און אריינלאָזנדיג זיך אין דעם אָדער יענעם מחבר, וועלן זיי ווידער זיך גייסטיג פאראייניגען און פאָרטזעצן די, דורך מלחמה און רעוואָלוציע איבערגעהאקטע געשיכטע פונ׳ם טעאטער, וועלכע איז ענג פארבונדן מיט דער געשיכטע פון דער דראמאטורגיע, וועלכע איז פון איר זייט ענג פארבונדן מיט׳ן לעבן גופא.

סיי דער קונסט־טעאטער, אין פּערזאָן פון זיינע סטודיעס, סיי טאַאיראָוו מיט זיין קאמער־טעאטער, סיי מייערכאָלד, — דאכט זיך, אייביגע שונאים, — שטרעבן דאָך אלע בכלל צו איין און דערזעלבער זאך און אָפט, אליין ניט פיהלנדיג, דערנעהנטערן זיי זיך איינער צום אנדערן אלץ מעהר און מעהר. ניט אומזיסט איז די לעצטע פאָרשטעלונג פון פאַרשטאָרבענעם וואַכטאַנגאָוו (די פּרינצעסין טוראַנדאָט), ווי מ׳זאָגט, באשאפן געוואָרן ניט אָהן השפעה פונ׳ם קאמער־טעאטער, וואָס מ׳זעהט אין אירע בונטע קאָסטיומען און קאָנסטרוקטיווע דעקאָראַציעס. אין טאַאיראָווס „פעדרא״ זעהט מען ווידער אן אָפּזאָג פונ׳ם שכרות פון די פארשארפטע זשעסטן און פוסטע דעקלאַמאַציעס, וועלכע זיינען א ספּעציאַליטעט פונ׳ם קאמער־טעאטער, — און א דערנעהנטערונג צום קונסט־טעאטער. ניט ווינציג זאָגט אונז אויך דאָס, וואָס מייערכאָלד, אין טאָג פון זיין 20־יעהריגער יובילעאום־פייערונג אין גרויסן טעאטער, האָט פארלאנגט מ׳זאָל שיקן א טעלעגראמע צו סטאַניסלאווסקין קיין אמעריקע, אין וועלכער ער רופט אויס, אז אין טאָג פון זיין יובילעאום געדענקט ער, אז ער איז סטאַניסלאווסקיס א תלמיד און ער גרויסט זיך דערמיט! לאָמיר אלזאָ האָפן אז די אַנאַרכיע וועט פארשווינדן פון אונזער לעבן, אז אונזערע היינט־צייטישע אידעאלן וועלן זיך אויסלייטערן, אז ס׳וועט קומען דער נייער פארפאָלקאָמטער רעפּערטואר, און דאן וועט ניט פארזאָמען געבוירן צו ווערן אויך דער נייער רירענדיגער פארכאפּנדיגער טעאטער, דער אמת׳ער טעאטער, פון אונזער צייט, אונזער טעאטער!

אליהו מאָטילאָוו

קונסט און ליטעראטור כראָניק

די נאָוועמבער־גרופּע אויף דער גרויסער בערלינער קונסט־אויסשטעלונג. די אויסלענדישע קינסטלער פאַרנעמען אויף אָט דער אויסשטעלונג בכלל א גרויסן פלאַץ. היבש איז אויך די גרופּע יונג־יידישע קינסטלער.

וועגן די יידישע קינסטלער איז כדאי צו רעדן באזונדער. אמת, זיי זיינען בכלל ניט אלע מעור אחד, פונדעסטוועגן זעהט מען, אַז די יינג־יידישע מאָלעריי אנטוויקעלט זיך אונטער דעם מעכטיגן איינדרוק פון דער פראנצויזישער קונסט הויפּטזעכליך פונ׳ם קוביזם און זיינע נעבן־שטרעמונגען. די יידישע קינסטלער צייכנען זיך אויס מיט א קאָלאָריט פון באזונדערער אָנשטרענגונג, אין וועלכן שווארץ פארנעמט דעם הויפּט־פּלאַץ; א ציהונג צום סיוזשעטיזם מיט א שטארקע נייגונג צו מיסטיציזם, אַ מאַטעריאַליסטישער צוגאנג צו דער פאָרמאלער זייט פון דער פאָרם צום סאמע סובסטראט פונ׳ם שטאָף, א איבערגעוויכט פון דעם גראפישן עלעמענט איבער דעם עצם מאָלעריי. און די פעהלערן, וואָס זיינען אמת, ניט בא אלעמען גלייך, באשטעהן: אין א מין געפּענטעטקייט פון דער ארבעט אין מאנגעל אין פּראָסטקייט, אין אומיטלבארקייט. אויסער דעם דארף מען נאָך באַמערקן די מאָדנע לעזונג פון דער טיף באַ די יידישע קינסטלער. בשעת די פראנצויזן און זייערע נאָכפאָלגער זעהן דאָס בילד געוועהנליך אין שטח אָדער אין אומפאנג (סעזאַן); די דייטשן און רוסן איגנאָרירן בכלל די טיף (סופּרעמאטיזם) און שטעלן זי אוועק ווילקירליך, בערך, — באארבעטן די יידישע מאָלער די טיף ווי א תהום וואס פארלירט זיך אין דער פּערספּעקטיוו, ווי א אומבאגרענצטער אָרט אינ׳ם וועלט־רוים, און דאָס ברייננט מיט אַ סך צום מיסטיציזם פונ׳ם אַלגעמיינעם איינדרוק.

אויף דער אויסשטעלונג זיינען פאַרטרעטן פאָלגענדע יידישע קינסטלער: דער עקספּרעסיאָניסט יעקב אַדלער, דער פּוריסט און קאָסטרוקטיוויסט בערלעווי, די קוביסטן אראָנסאָן, ריבאַק, מינטשין, שאַצמאַן, קאָנסטאנטינאָווסקי, דער סקולפּטאָר טשייקאָוו, די קאָנסטרוקטיוויסטן ליסיצקי, קאָזינצאָוואַ־ערנבורג און אנד.

אַדלער׳ס שאַפונגען טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אויסדריקליכער ירידה. ריבאק איז א קולטורעלער קינסטלער און שטעהט אונטער דער שטאַרקער השפּעה פונ׳ם פראַנצויזישן קוביסטן־פיהרער, אין דער גראפישער צייט, דעם באַריהמטן פּאַבלאָ פּיקאַסאָ. ריבאק׳ס געלונגענסטע זאך איז דאָס בילד אין אָוואַל. אינ׳ם צוריק־קעהרן צו דעם אויסמאָלעכץ, פיהלט זיך די נייגונג צום מיסטישן סיוזשעט. אלע ארבעטן פון דעם דאָזיגן קינסטלער, צייכנען זיך אויס מיט שווערקייט און מאנגל פון אומיטלבארקייט.

אין די ארבעטן פונ׳ם צווייטן קינסטלער פון קוביסטישן לאַגער, מינטשין, זעהט זיך עפּעס אַ צושפּאָלטנקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין דער צעשטרייטקייט פונ׳ם קינסטלער. מ׳קאָן ניט וויסן צו וואָס ער שטרעבט און בכלל איז ניטאָ קיין שום אָביעקטיווע קריטעריום די דאָזיגע אַרבעטן אָפּצושאַצן.

ברוך אראָנסאָן איז פאָרגעשטעלט נור מיט צוויי קאָסטיומען, וועלכע זינדיגן אָבער מיט צופיל גראפישקייט און מיט א אומבאגרינדעטן מאָדערניזם פון דער פאָרם.

טשייקאָוו איז א ערנסטער און איינגעטראכטער קינסטלער. זיין „זשאָנגלער״ איז א קלוגע און געלונגענע זאך.

דאָס צימער, וואָס פאַרנעמט אינגאנצן ליסיצקי׳ס ארבעטן, גיט אונז א פאָרשטעלונג פון דער ניט־זאכליכער שאַפונג. דאָס שייכות צווישן אָט דער שאפונג און דער קונסט איז זעהר שוואך, ווייל דער דאָזיגער קאָנסטרוקציאָנס מעטאָד איז ניט אינטואיטיוו. פאַרקערט, עס פילט זיך אין אים אָנגעשטרענגטע קאָפּאַרבעט: דאָס איז בלויז אַ אומענדליכע וואַריאַציע פון געאָמעטרישע פיגורן. דער קאָנסטרוקטיוויזם איז דאָ פארוואנדלט געוואָרן אין א מאשינען־קולט, אין דער ראָמאנטיק פון דער טעכנישער צייכנונג.

די שאפונג פון קאָזינצאווא־ערנבורג מאכט א פיל דערפרעהענדערן איינדרוק איידער די ארבעטן פון איר אכטבארן לעהרער. אמת, אירע געאָמעטרישע בנינים פארשפּרעכן ניט קיין שום נייעס, דערפאַר אָבער, זעטיגט זיך דאָס אויג אין דעם גרוי־ברוינעם קאָלאָריט פונ׳ם בילד.

עס איז ניט קיין צופאל, וואָס אין דער דאָזיגער גרויסער קונסט־אויסשטעלונג, וועלכע דינט אלס שפּיגל פאר דער גאנצער דייטשער קונסט, איז ניטאָ גאָרניט פון די שאפונגען פון דער איבערגאַנגס־צייט, דאָס מיינט: פון דער צייט וועלכע ציהט זיך, זינט ס׳זיינען צושטערט געוואָרן די טראַדיציעס פונ׳ם קלאַסיציזם, און דורך דעם אימפּרעסיאָניזם און פּאָסט־אימפּרעסיאָניזם דערלאַנגט זי ביז צו אונזערע טעג. דייטשלאנד איז א לאנד מיט א קאָלאָסאלן קולטור־אויספאל,

א באַרימטער פראנצויזישער קריטיקער זאָגט אין אַנ׳אַרטיקל אין „קונסט-בלאַט״, אז דייטשלאנד קען עד היום ניט דעם קוביזם. מיט דעם זעלבן רעכט קאָן מען זאָגן, אז זי קען ניט אויך אלע יענע שטרעמונגען, וואָס זיינען געווען אונמיטלבאר פאַר׳ן קוביזם. דער פוסטער אָרט אין דער דייטשער קונסט איז אָנגעפילט גע-וואָרן מיט אלערליי סוראָגאטן פון אימפּרעסיאָניזם און עקספּרעסיאָניזם. דאָס איז געווען די רעאקציע פון דער אינטעליגענטישער קונסט א קעגן דעם געפּענטעטן קאַזארמע-גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דייטשלאנד ביז דער איבערקערעניש. די נייע דייטשע קונסט שליסט זיך אָן צו דער קונסט פון אירע שכנים, צו דער רוסישער און פראנצויזישער, און באמיהט זיך ארויסצוקומען פון דער זאק-גאַס. צווישן די דייטשע קינסטלער, וועלכע האָבן שוין גובר געווען דעם „מאָדערניזם״ פון דער נאציאָנאלער קונסט, דערציהענדיג זיך אויף די טראדיציעס פון דער פראנצויזישער מאָלעריי, פאַרדינען דערמאָנט צו ווערן: פּריטש, וועלכער ארבעט אונטער דער שטארקער השפּעה פון הענרי רוסאָ, און שמידט, וועלכער האָט אויסגעשטעלט אייניגע זעהר גראָטעסקע נאטור-מאָרטן. ב. מ.

דער יונגער קינסטלער **אַ פאַלוקסט** האָט מיט זיין אויסשטעלונג אין דער בוכ-האנדלונג „עבר״, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ ניט לאנג, באוויזן א שטארקן קינסטלערישן ווילן. זיינע ארבעטן — צייכנונגען, ראדירונגען און ליטאָגרא-פיעס — באהאנדלען נאָר עטליכע ווייניגע מאָטיוון, צו וועלכע דער קינסטלער קומט עקשנות׳דיג אלע מאָל צוריק, כדי זיי ווידער פון ס׳ניי נאָך איינדרינגליכער צו געשטאלטן. דאָ זיינען זיינע „ריכטער און אָנגעקלאגטע״, וועלכע ער זוכט צו לעזן אלס ליכט-פּראָבלעם, אויף קליינשטאָט-בילדער און פּאָרטרעטן. באַ-זונדער גראָטן זיינען אייניגע בלעטער, אין וועלכע ער באווייזט מיט גאנץ קאַרגע מיטלען, מיט א פליכטיגער, אָבער זיכערער שטריך-פיהרונג, צו פּאַקן א באוועגונג. ווייניגער גוט זיינען די מעהר-סילועטנהאפטיגע, ליניאַר גע-האלטענע ראדירונגען.

אין **ירושלים** האָט ה׳ אַבעל פּאַן אויסגעשטעלט היינטיגן פּסח זיינע צייכנונגען פון דער ביבל. דאָס זיינען די ערשטע 50 בילדער פון א גרויס-פאָרמאָטענער ארבעט צו אילוסטרירן דעם תנ״ך, און דערביי איינהאלטן דעם קאָלאָריט פון נאטור און מענשן, וועלכן מ׳קאָן נאָר אין ארץ-ישראל זעהן, און דעם נאציאָנאל-יידישן גייסט פון דער ביבל.

אלקנה אַדלערס ביבליאָטעק אין לאָנדאָן איז פארקויפט געוואָרן צו דעם אמעריקאנישן יידיש-טעאָלאָגישן סעמינאר אין ניו-יאָרק. בעזונדערס ווערטפול זיינען אין׳ אָט דער ביבליאָטעק די האנטשריפטן פון די פּערזישע יידן און די כתבי-יד פון דער „גניזה״ אין קאַיראָ. דאָס ניו-יאָרקער סעמינאר האָט צו פארדאנקן פאר דער דאָזיגער באַרייכערונג איר פּרעזידענט, ד״ר סירוס אַדלער און דעם ביבליאָטעק-פיהרער, דעם אָריענטאליסטן פּראָפעסאָר אלעקסאנדער מאַרקס. די מיטל דערצו האָבן געגעבן מאָרטימער ל. שיף און אנדערע.

צוויי בילד-פּראָבן פון א. אדלער׳ס כתב-יד זאמלונגען, וועלכע שטעלן פאָר שמשון-הגבור אלס לייב-באצווינגער (פונ׳ם קאָרפּירער מחזור 1717), און יוסף מיט זליכה׳ן (פון א פּערזיש-יידישן כתב-יד, זעה זייט 7), ברייגגען מיר אין דיזן העפט.

דאָס בילד וועגן יוסף און זליכה, איז גענומען פון דער פּאָעמא פונ׳ם באַ-רימטן פּערזישן דיכטער דזשאַמי, וועלכער איז יאָרהונדערטן ארומגעגאנגען אין אָפּשריפטן און פון פארשיידענע פּערזישע אויטאָרן אויסגענוצט געוואָרן אלס שטאָף. מ׳קאָן עס ערשט דאן ריכטיג אָפּשאצן, ווען מ׳שטעלט עס זיך פאָר אין דער גאנצער פּראכט פון די פארבן, וועלכע עס פארמאָגט דער אָריגינאל. די בלאס-ציגל - רויטע ארכיטעקטור אויף רעכטס אויבן, הויבט זיך ארויס פון א אספאלטפארביגן גרונד, די שענע זליכה טראָגט א מאט-גאָלדן מלבוש מיט א בלויען שלייער, די קליינע געשטאלט הינטער איר איז אין געל מיט רויטע אומריסן און טונקל-ציגעלרויטער קאָפּ-באדעקונג. דער מענש אונטן טראָגט א ווייסן טורבאַן מיט גאָלדפארבריימונג, א פּורפּורנעם בגד. די וואנט הינטער אים איז ברוין מיט א גרינליכן מוסטער. דער פּארטרוימטער יוסף אויף לינקס פלאמט אין שאַרפן ציגלרויט אויף א פּורפּורנעם הינטערגרונד און ראָזע טעפּיך. אונטן דאָס מאטע גאָלד פון די וואזן און דאָס בלאַסע גרין פון די גירלאנדן. דער קופּאָל איבער דעם בילד, וועלכע דאַרף באטאָנען די געשטאלט פון יוסף׳ן, איז אספאלט-גרוי מיט א שווארצליכן ליניען-מוסטער און גאָלדענע פונקטן.

סענאטאָר ד״ר מאַקס בינענשטאָק. — אין לעמבערג איז געשטאָרבן דער יידישער סענאַטאָר, פּראָפעסאָר ד״ר מאקס בינענשטאָק. דער פארשטאָרבענער איז געווען א הייסער פריינט פון דער יידישער ליטעראטור, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אסך פון זיין צייט און פון זיין ענערגיע אלס שריפטשטעל ער און קריטיקער. אין קינפטיגן העפט וועט דער לעזער געפינען זיין ארטיקל איבער דער ניי-יידישער ליטעראטור, וואָס ער האָט אונז צוגעשיקט נאָך באם לעבן, און צום באדויערן קומט אונז אויס, אים אָפּצודרוקן שוין נאָך זיין טויט. אלס מענש, אלס ציוניסטישער עסקן און אלס שריפטשטעלער, האָט ער זיך ערוואָרבן ליבשאפט און אכטונג און א שם-טוב, וואָס וועט אויף לאנג פארבלייבן.

יוסף זיידענבייטל — א יונגער יידישער קינסטלער — איז געשטאָרבן דאָ ניט לאנג אין ווארשוי. דער פארשטאָרבענער איז אלט געווען אינגאנצן 29 יאָר און האָט זיך שוין אויסגעצייכנט אלס טאלענטירטער קינסטלער. ער האָט געהאט זיינע אויסשטעלונגען אין דער „זאַכענטאַ שטוק-פאָלסקיך״, און אין יידישע אויסשטעלונגען. הויפּטזעכליך האָט ער זיך געווידמעט דער גראפיק. ר. ו.

ליטעראַרישע נייעס. — דער „י י ד י ש ע ר ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ר פ א ר ל א ג״, שטעלט זיך די אויפגאבע ארויס-צוגעבן די באדייטנסטע ווערק פון דער נייסטער ליטעראטור און באקאנען מיט די נייע שטרעמונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע. אין דער ערשטער סעריע ביכער, וואָס דער פארלאג האָט איצט ארויס-געלאָזט, געהן אריין: י. א פּ אַ ט א ש ו — „פארלוירענע מענשן״, א ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אמעריקא; ד ע ר נ ס ת ר — „געדאכט״, צוויי בענד מעשיות; צוויי בענד פונ׳ם יינגן דיכטער ל. ק ו ו י ט ק אָ — „גרין-גראָז״ (לידער) און „פּאָלק״ (לידער פון דער פּאָגראָם-צייט); א בעלעטריסטיש-פילאָזאָפישע דער-צעהלונג פון א. ש נ י א ו ר ס אָ ן — „חיים גראוויצער״ (פון דער חב׳דישער וועלט. עס גרייט זיך צום דרוק: ח. ב ר ע נ ע ר — „ארום א פינטעלע״ (מסביב לנקודה), איבערגעזעצט פון ב. ס ל ו צ ק י; צווישן דער סעריע פון דער מאָדערנער אייראָ-פּעאישער ליטעראטור דערשיינט דער נייער ראָמאן פון ב ע ר נ אַ ר ד ק ע ל ע ר-מ אַ ן — „דאָס געשעהעניש״, גלייכצייטיג מיט׳ן דייטשן אָריגינאל, איבער-געזעצט פון כתב-יד. די גרעסטע אויפמערקזאמקייט לייגט דער פארלאג אויף ג ע ש י כ ט ע און מ ע מ ו אַ ר ן. ער איז צוגעטראָטן ארויסצוגעבן דאָס נייע קאפּיטאלע ווערק פון ש. ד ו ב נ אָ ו ו — „די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק״ (פון די אלטע צייטן ביז אין דער לעצטער צייט) אין 10 בענד, וואָס ווערט איבער-געזעצט אונטער דער רעדאַקציע פון מחבר דורך נ. ש ט י ף, ז. ק אַ ל מ אַ נ אָ-ו ו י ט ש און מ. ו ו י י נ ר י י ך. עס הויבן אויך אָן דערשיינען א רייע זאַמל-ביכער: „אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע״ (זכרונות, מאטעריאלן, דאָקומענטן פון דער רעוואָלוציאָנס-צייט) און „פ נ ק ס א ו ק ר א י נ ע״ — זאַמל-בוך וועגן גע-שיכטע און לעבן פון יידן אין אוקראינע. צו דער סעריע געהערט טייל-ווייז אויך דאָס דערשיינענע בוך פון ד ו ד ק אָ י ג ע ן — „אין שטורם פון געשיכטע״ (ארויס-געריסענע בלעטליך פון טאגע-בוך 1914—1921). ס׳זיינען אויך דערשינען אינטערעסאנטע מעמואַרן פון א יידישן קאָלאָניסט, אונטערן נאָמען „30 יאָר אין אַרגענטיניע״, פון מ. א ל פּ ע ר ס אָ ן.

„אַלבאַטראָס״. — צייטשריפט פאר יונגער יידישער דיכטונג און קונסט, אונטער דער רעדאַקציע פון אורי צבי גרינבערג. די צייטשריפט, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין וואַרשאָ, און איז פאר „גאָט-לעסטערונג״ פון דער פּוילישער רעגירונג קאָנפיסקירט געוואָרן, האָט זיך איצט אריבער-געטראָגן קיין בערלין. אין דעם נאָר-וואָס דערשינענעם העפט דערהויבן זיך איבער דעם גע-וועהנליכן „פוטוריסטישן״, ליטעראַרישן און מאָלערישן שטאָף צוויי אויפזעצן (איינער אין געדיכט און איינער אין פּראָזאַ) פון אורי צבי גרינבערג, פון וועלכע עס הערט זיך א גאנץ נייער י י ד י ש ע ר טאָן, א גאנץ נייע מין אויפפאסונג פונ׳ם יידישן גורל און פון זיין לאגע צווישן די פעלקער פון אייראָפּע. דער טאלענטפולער דיכטער געפינט ניט קיין נחמה אין אלע גאנגבארע טעאָריעס וועגן יידישער געגנווארט און צוקונפט. אים דריקט און ווארגט דאָס „צלם׳דיגע מלכות״ פון אייראָפּע, ער וויל פון דעם אנטלויפן, זיי מוחל זיין זייער „פּראַק און צילינדער״ — „דאָס איינציגע, וואָס ער האָט פון אייראָפּא״, איז אבער דער אומגליק, וואָס אויך די האלבע לבנה „שניידט ווי א סערפּ״... דער אראבער איז ניט אונזער ברודער, נאָר דעם נוצרים, מיט אים זוכט ער זיך צו פארשטענ-דיגן, און וועט זיך פארשטענדיגן. דער ייד אָבער איז איינזאם, איינזאם אין דער גאנצער וועלט...

מ׳מעג האָבן וועלכע מיינונג מ׳וויל וועגן פוטוריזם, אין אַלבאַטראָס זיינען אָבער אנטהאלטן טענער און געפיהל-אויסדרוקן, וואָס ווירקן אויף׳ן לעזער דער-פרישנד אין אונזער ביז׳ן העכסטן גראד לאנגווייליג געוואָרענעם ליטעראַרישן ווינקל.

א שלעכטן איינדרוק מאכט דער איבערפאל אויף דער יידישער קריטיק אין פּערזאָן פון בעל-מחשבות, בעל דמיון-און ש. ניגער, וועלכער קלינגט אויס כמעט אין פּערזענליכע זלזולים. מיר מיינען, אז אויך אין „פוטורום״, וועט מען מוזן איינהאלטן א ביסל דעם יצר-הרע, און אָפּהיטן געוויסע געבאָטן פון אָנ-שטענדיקייט אין דער ליטעראַרישער פּאָלעמיק. ק.